**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/1/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול עפנט ערשטע אפענע 'גענגווע' באן אין דינסט און אנאנסירט 1,000 סאָבווע וואגאנען האבן יעצט קאמערא**

***R211T וואגאנגען קומען מיט סעקיוריטי קאמערא אריבער די באן, ברייטערע טירן, דיגיטאלע סקרינס אין יעדע וואגאן און נאך צוגענגליכקייט פיטשעווקעס***

***ערשטע באן וואס האט אפענע 'גענגווע' וואגאנען צו פארן אין די פאראייניגטע שטאטן אין מאדערנע עפאכע וועט לויפן אויף C ליניע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די עפענונג פון די R211T אפענע 'גענגווע' סאָבווע וואגאנען (באהאפטענע וואגאנען פון אינעווייניג) אויף די C ליניע, לויפנדיג צווישן וואשינגטאן הייטס און איסט ניו יארק, און זי האט צוגעצייכנט די באדייטנדע פארשריט וואס ווערט געמאכט צו פארמערן קאמעראס אריבער די סיסטעם, מיט 1,000 סאָבווע וואגאנען יעצט זייענדיג אויסגעשטאט מיט קאמעראס. די אויפדעקונג איז נאכגעפאלגט געווארן דורך א באנייענדע רייזע מיט גאווערנער האקול, מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פירערשאפט און ערוויילטע בעאמטע, זיך ארויסלאזנדיג פון די 168 St AC1 סטאנציע אין וואשינגטאן הייטס וואס דינט אלס די C ליניע'ס טערמינאל.

"די סאָבווע איז די בלוט אין די אדערן פון ניו יארק סיטי, און מיר מאכן רעקארד-הויכע אינוועסטירונג כדי עס זאל זיין זיכער, ווירקזאם און ערפאלגרייך", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "נייע באן וואגאנען, נאך סעקיוריטי קאמעראס און מער פארלעסליכע באנען וועלן מאכן די סאָבווע סיסטעם נאך אפילו בעסער פאר צענדליגע יארן אין די צוקונפט."

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק עדעמס האט געזאגט,** "אונזערע סאָבוועיס זענען ניו יארק סיטי'ס רוקן ביין, און א דאנק אונזער צוזאמענארבעט מיט גאווערנער האקול און די MTA, איז אונזער רוקן ביין שטערקער פון סיי ווען. מער ניו יארקער פארן מיט אונזער סאָבווע, און מיר זענען צוריק צו די הויכע צאלן פאסאנזשירן פון בעפאר די פאנדעמיע. מאכט נישט קיין טעות: מיר האבן נאך מער ארבעט צו טוהן. אבער די נייע וואגאנען – און די 1,000 סאָבווע וואגאנען אין וועלכע מיר האבן שוין אינסטאלירט קאמעראס – זענען א געוואלדיגע קומענדיגע טריט אין ריכטונג פון שאפן א זיכערערע, גלאטערע סאָבווע ערפארונג פאר אלע ניו יארקער."

די באנייענדע רייזע צייכנט אפ די ערשטע מאל וואס אן אפענע 'גענגווע' באן איז געפארן אין די מאדערנע היסטאריע פון סאָבוועיס אין די פאראייניגטע שטאטן. די ברוקלין-מאנהעטן טראנספארטאציע קארפארעישען (Brooklyn–Manhattan Transit Corporation, BMT), איינס פון די דריי אפערירנדע אויטאריטעטן וואס זענען געווען פון די פארגייער צו די שפעטער-צוזאמגעשטעלטע ניו יארק סיטי טראנזיט, האט געלאפן חלקים פון דריי 'גענגווע' וואגאנען אפן איינע צו די אנדערע פון 1925 ביז 1965.

די אפענע 'גענגוועי' R211T וואגאנען וואס ווערן יעצט אויספרובירט זענען טייל פון א גרעסערע באשטעלונג פון געוועגטליכע R211A 60-פיסיגע וואגאנען, פינאנצירט דורך די פעדעראלע טראנספארטאציע אדמיניסטראציע (Federal Transit Administration, FTA) וואס רעכנט אריין פינאנצירונג פון די אומפארטייאישע אינפראסטרוקטור ביל.

**MTA פארזיצער און CEO, דזשענאָו ליעבער, האט געזאגט,** "די דורכשניטליכע עלטער פון MTA סאָבוועי וואגאנען איז 25 יאר אלט און אונזער עלטסטע סאָבוועי וואגאן, די R46, איז כמעט 50 יאר אלט. אזוי ווי די אפשאצונג פון די געברויכן פון די MTA פאר 20 יאר, דארפן זיי איינקויפן טויזנטע וואגאנען, זיי דארפן זיין די מערסטע פארגעשריטענע דעזיינס און זיין בארעכטיגט פאר פעדעראלע פינאנצירונג. דער פילאט פראגראם וועט אונז לערנען אויב די אפענע 'גענגוועי' דעזיין ארבעט פאר ניו יארקער."

**ניו יארק סיטי קאונסיל ספיקער, עידריען עדעמס, האט געזאגט,** "פובליק טראנספארטאציע איז די בלוט אין די אדערן פון אונזער סיטי, און די נייע און פארבעסערטע סאָבוועי וואגאנען וועלן העלפן נאך אפילו מער ניו יארקער צו צוקומען צו די סאָבוועי און אנקומען צו זייערע דעסטינאציעס אויף א זיכערערע פארנעם. עס איז קריטיש אז מיר זאלן פארזעצן צו אינוועסטירן אין אונזער פובליק טראנספארטאציע סיסטעם און מאכן נויטיגע זיכערהייט פארבעסערונגען, ווי פארבינדענע וואגאנען, וואס קאמיוניטיס האבן שוין פון לאנג פארלאנגט. עס איז צייט אז מיר זאלן מאדערניזירן אונזערע סאָבוועיס און זיי ארייינברענגען צו די היינטיגע תקופה כדי מיר זאלן קענען נאכקומען די פארנעם פון די פארלאנג וואס מיר האבן דערפאר. איך באדאנק גאווערנער האקול און אלע פארמישטע קערפערשאפטן פאר זייער ארבעט צו עפענען די נייע פלאטע."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מאיאריטעט 'וויפ', סעלווענא נ. ברוּקס-פּאַווערס, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס באמיאונגען צו פארשטערקערן זיכערהייט פאר סאָבווי פאסאנזשירן אריבער NYC. די קאמעראס וועלן גיבן נאך א שיכט פון שוץ פאר פאסאנזשירן, און אלס פארזיצערין פון די קאמיטע אויף טראנספארטאציע און אינפראסטרוקטור, גלויב איך אז זיכערהייט און צוטריט אויף פובליק טראנספארטאציע איז קריטיש וויכטיג, און די קאמעראס וועלן העלפן גיבן א וויכטיגע רואיגע געוויסן פאר רייזנדע אריבער די סיטי."

**NYC טראנספארטאציע פרעזידענט, ריטשארד דעיווי, האט געזאגט,** "די R211 פלאטע איז פונקט אין איינשטימונג מיט די 'שנעלערע, ריינערע, זיכערערע סערוויס' סלאגאן וואס מיר זאגן כסדר ביי ניו יארק סיטי טראנזיט. די וואגאנען וועלן אויסקוקן באקאנט פון אינדרויסן, אבער פון אינעווייניג וועלן זיי זיין אנדערש. ברייטערע טירן העלפן פאסאנזשירן ארויפגיין שנעלער אויפן באן, און די האפענונג איז אז די אפענע 'גענגוועי' וואגאנען וועלן דאס גרינגער מאכן צו טרעפן א זיץ."

**MTA טשיעף אקסעסעביליטי אפיסער, קוועמעל אראָיאָו, האט געזאגט,** "די R211A האט געטוישט די רייזע ערפארונג פאר פאסאנזשירן מיט א דיסאביליטי, צושטעלנדיג ברייטערע טירן ווי אויך פארבעסערטע צוגענגליכע זיצן אפציעס. די קאנצעפט פון אפענע 'גענגוועי' וואגאנען גייט נאך איין טריט ווייטער, ערלויבנדיג פאסאנזשירן וואס נוצן א ווילטשעיר אדער וועלכע גייען מיט א וועגעלע צום ערשטן מאל אין היינטיגע טעג צו קענען אריבערגיין צווישן באן וואגאנען אן דארפן אראפגיין פון די באן."

R211 סאָבוועי וואגאנען זענען א קריטישע חלק פון די MTA'ס אנגייענדע מאדערניזירונג באמיאונגען אריבער די סיסטעם. די וואגאנען רעכענען אריין פון-פאראויס אינסטאלירטע סעקיוריטי קאמעראס אין יעדע וואגאן, צולייגנדיג צו די 1,000 סאָבוועי וואגאנען וואס האבן שוין קאמעראס אינעווייניג אריבער די סיסטעם. די רעשט פון די NYC טראנספארטאציע פלאטע איז געסקעדזשולט צו האבן אינעווייניגע קאמערא אינסטאלאציעס פארענדיגט ביז יאנואר 2025. די אינעווייניגע אינסטאלאציעס לייגן צו צו די

שוין-יעצט ברייטע קאמערא נעטווארק אין די סאָבוועי סיסטעם. אין צוגאב צו 1,000 סאָבוועי וואגאן קאמעראס, האט די MTA אומגעפער 15,000 קאמעראס אריבער אלע 472 סטאנציעס.

די R211 וואגאנען קומען מיט 58-אינטש-ברייטע טיר עפענונגען – אכט אינטשעס ברייטער פון די געווענטליכע טיר עפענונגען אויף די עקזיסטירנדע וואגאן פלאטע – וועלכע זענען דעזיינט צו פארשנעלערן די צייט ווי לאנג עס נעמט פאר פאסאנזשירן ארויפצוגיין און צו רעדוצירן די צייט ווי לאנג די באנען זיצן אין סטאנציעס. אין צוגאב צו ברייטערע טירן, שטעלן די וואגאנען צו צוגענגליכע זיצן, דיגיטאלע סקרינס וואס גיבן מער דעטאלירטע אינפארמאציע ספעציפיש פאר יעדע סטאנציע און לעכטיגערע באלייכטונג און שילדן, צווישן אנדערע פיטשעווקעס וואס פארבעסערן די ערפארונג פון פאסאנזשירן.

אין [אקטאבער 2023](#) האט די אויטאריטעט אנאנסירט אז R211S וואגאנען וועלן אנגעהויבן געניצט ווערן אויף די סטעטן איילענד רעילוועי (Staten Island Railway, SIR) אנגעהויבן דאס יאר. NYC טראנספארטאציע האט באקומען 20 אפענע 'גענגוועי' וואגאנען אלס טייל פון א פיל גרעסערע באשטעלונג פון R211A וואגאנען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)